יום חינוך הטהור

למען קיום מוסדותינו הק' "יטב לב דרבינו יואל" שהם יסוד החינוך הטהור בארץ הקודש

# קול חינוך הטהור

ערשיינט אין בעפארגרייטונג צום
מעמד "חינוך הטהור" לטובת יטב לב בארה"ק

**ג' נשא, כ"ז אייר, באולם ראוז קעסטל**

**גליון ב** • ערש"ק במדבר

# מוסדות יטב לב בארה"ק איז קריטיש וויכטיג אָנגעוויזן אויף וואַרימסטע שטיצע ביים יערליכער דינער

## קומענדיגן דינסטאָג אין זאלן פון ראָוז קעסיל – משא המעמד: מרן רבינו הגה"ק שליט"א – עדות משמיעות: הרבני הנגיד המפואר ר' מאיר הירש הי"ו מראה"ק והמוסדות בקרית יואל יצ"ו

## אויסטערלישע וואַרימקייט ביים ציבור צו פאַרזיכערן בעזהשי"ת אַז מוסדות הק' זאלן נישט צוריק אַריינפאַלן אין שווערן זומפ

וויליאַמסבורג. - מאַסן אנ"ש תושבי עירינו וויליאַמסבורג, וועלן קומענדיגן דינסטאָג, ג' פרשת נשא הבעל"ט, אי"ה אַרויסצייגן סאָלידאַריטעט און ברודערליכע שטיצע לטובת די הייליגע מוסדות "יטב לב בארה"ק" מיט אירע אַריבער 2,000 תלמידים ותלמידות כ"י, ביים יערליכער דינער וואָס וועט אָפּגעראָכטן ווערן לטובת המוסדות אין די זאלן פון "ראָוז קעסיל" דאָהי' אין וויליאַמסבורג.

דער דינער לטובת מוסדות יטב לב איז יאָר-יערליך באַשטימט אויף די טעג נאָנט צום יום טוב שבועות, ווי עס איז איינגעפירט געוואָרן דורכן מייסד המוסדות מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, צו געבן די געלעגנהייט פאַר'ן ציבור אנ"ש, צו מאַכן די ריכטיגע הכנה למתן תורה דורכן שטיצן "תורה בטהרה" אין ארה"ק, די מוסדות הק' יטב לב וואָס ער האָט מייסד געווען בדם לבבו ובמסירת נפש ממש.

צווישן תלמידי וחסידי סאַטמאַר טליעט א הייליג פייער לטובת די ארץ ישראל'דיגע מוסדות, וויסענדיג ווי שטאַרק אונזערע הייליגע רבי'ס זי"ע האָבן געמאָנט און געפאָדערט אַז מען זאל כסדר שטיצן און מחזק זיין די ערליכע מוסדות אין ארץ ישראל בכלל, ובמיוחד וויפיל זיי האָבן געפאָדערט אַז מען זאל עקסטער שטיצן מוסדות יטב לב מיט סכומים עצומים באופן יוצא מן הכלל. וויפיל טייכן טרערן האָט רביה"ק זי"ע פאַרגאָסן איבער'ן חינוך הטהור אין ארה"ק, און וויפיל האָט ער אומאויפהערליך געבעטן ביים ציבור אַז צו שטיצן מוסדות יטב לב דאַרף זיין די ערשטע צדקה וואָס אנ"ש געבן.

דאָס איז געווען ביים רבי'ן זי"ע בעל דברי יואל, און דאָס זעלבע ביים רבי'ן זי"ע בעל ברך משה, ולאחריהם האָבן חסידי סאַטמאַר ווייטער די זכי' צו הערן דאָס זעלבע מפי יבלחט"א מרן רבינו הגה"ק שליט"א, וואָס ביי סיי וועלכע געלעגנהייט איז דער רבי שליט"א כסדר מעורר מיט אן אש קודש איבער דעם פליכט און זכי' וואָס מען האָט צו שטיצן און מחזק זיין מוסדות יטב לב.

דאָס אַלעס איז גוט באַקאַנט ביים ציבור, ווי עס זעט זיך יאָר-יערליך אן ביים דינער פון מוסדות יטב לב, וואָס ברענגט צונויף מאַסן משתתפים וואָס קומען אַלע מיטן בלויזן און איינעם ציל מחזק צו זיין די מוסדות הק' יטב לב. נישט קיין רייכע פּראָגראַמען, און נישט קיין דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען זענען עס וואָס עס

ב

המשך

# מוסדות יטב לב בארה"ק איז קריטיש וויכטיג אָנגעוויזן אויף וואַרימסטע שטיצע ביים יערליכער דינער

◄א

ברענגט דעם ציבור צום "יטב לב דינער" איז דער הייליגער געפיל וואָס מ'האָט צו די מוסדות הק' אין ארץ ישראל, ועל פי דיבורם הם נאספים, די דברות קודש מלהבות אש וואָס מ'האָט אַלץ געהערט מפי רבוה"ק איבער דעם חיוב החזקה פון מוסדות יטב, דאָס ברענגט צונויף אַזאַ ריזן ציבור בליעה"ר צו קומען שטיצן די הייליגע מוסדות.

### פארווא'זשע ווייגען?...

צום ערשטן מאָל אין עטליכע יאָר צייט, ווערט דער היי-יעריגער יטב לב דינער אָפּגעראָכטן מיט א פיל מער רואיגערן געמיט ווי ביז היינט. די שטיצער פון מוסדות יטב לב זענען שוין כמעט ווי צוגעוואוינט, אַז ווען מען גרייט זיך און ווען מען קומט צום דינער, הערט מען בלויז אַז דער מצב איז שרעקליך שווער, מען איז שוין שולדיג כך וכך חדשים פאר די כלי קודש, און מען דאַרף זען צו ראַטעווען די מוסדות.

היי-יאָר האָט דער נוסח זיך עטוואָס געביטן. יאָ, שווער איז ליידער נאָך אַלץ, מוטשען מוטשעט מען זיך ליידער נאָך אַלץ, פּאָרט אָבער איז דער לאזונג "מען איז שולדיג כך וכך חדשים" דערווייל נישט רעלעוואנט, אין די צייט וואָס מאָמענטאַל ביים שרייבן די שורות, איז מען ב"ה נישט שולדיג קיין איין געהאַלט פאר די כלי קודש!

אין די ווייטערדיגע בלעטער פון די אויסגאַבע זענען עטליכע מאמרים געווידמעט איבער די אויסטערלישע דערגרייכונג וואָס מ'האָט דאָס יאָר באַוויזן פאַר'ן יום טוב פסח העעל"ט גענצליך אויסצוצאָלן פאר די כלי קודש אַלעס וואָס מען איז שולדיג ביז היינט, ולא אמרו רבנן בכפילא, פעלט נישט אויס דאָס איבערצו'חזר'ן אינעם דאָזיגן נייעס-באַריכט. וואָס עס איז אָבער אַמאָל קלאָר, אַז טאַקע איצט ווען די חשבונות זענען קלאָר, אַלעס איז אויסגעגראדט, איצט איז די צייט צו פארלייגן ספעציעלע כוחות זיכער צו מאַכן בעזהשי"ת אַז מ'קען דאָס ווייטער אָנהאַלטן, און אַז די מוסדות פאַלן ח"ו נישט ווייטער אַריין אינעם טיפן זומפּ פון וואָס מ'האָט זיך קוים קוים אַרויסגעשלעפּט.

אין בעפאָרגרייטונג צום דינער האָט די הנהלת המוסדות אַרויסגעגעבן א דרינגענדע בקשה, אַז צום מעמד הדינער זאל מען מיטברענגען די סומע פון לכה"פ $360 וואָס פעלט זיך קריטיש וויכטיג אויס פאר די הצלחה פונעם היי-יעריגן דינער, כדי צו קענען אָנהאַלטן די הצלחה ווייטער. עס איז זיכער אַז דער ציבור וועט פאַרשטיין דעם צו השעה, און מיטברענגען די דערמאַנטע סומע מיט וועלכע מ'וועט אי"ה האָבן א חלק אָנצוהאַלטן דעם הרחבת הדעת דקדושה מיט וואָס די כלי קודש פון די מוסדות זענען עוסק מרביץ תורה צו זיין פאר די תלמידי המוסדות.

### סדר המעמד

ווי אין די פריערדיגע יאָרן, וועט דער יערליכער דינער זיין קורץ און שאַרף, צילענדיג כסדר אויפן הויכפונקט פונעם אָווענט, צו שאַפן וואָס מער געלט פאר די מוסדות הק' יטב לב. ווי ערוועגט, קוקן די חברי הנהלה שטאַרק אַרויס אויף די וואַרימסטע שטיצע פונעם ציבור, און האָפן אַז יעדער וועט זיך משתתף זיין מיטן סכום פון לכה"פ $360.

ביים מעמד הדינער וועט אויך זיין די מעגליכקייט זיך איינצושרייבן אינעם היינט-שוין גאָר באַרימטער מפעל "החזקת מלמד" ביי וועלכע אומאצליגע אידן האָבן שוין געזען אָפענע ישועות בזכות החזקת המוסדות, ובזכות הבל פיהם של תשב"ר וואָס זענען מתפלל מיט אַזויפיל הארץ און כוונה פאר די הצלחה פון די מתנדבים בעם.

דער דינער וועט אי"ה אָנגעפירט ווערן דורכ'ן אַלעמען באַקאַנטן עסקן נמרץ רבות בשנים הרה"ח ר' מאיר פערל הי"ו מנכ"ל המוסדות, וועלכער האָט שוין די יערליכע חזקה צו שטיין אויף די פיס במשך דעם דינער, אָנצופירן דעם מעמד הדינער, ובדברים היוצאים מן הלב איז ער מעורר דעם ציבור קעגנצוקומען די חברי הנהלה מיט גרעסערע סכומים.

ר' מאיר הי"ו וועט ביים דינער איבערגעבן א רעפּאַראַט איבער די הייליגע מוסדות, און וועט איבערגעבן וויכטיגע נקודות איבער די אַנטוויקלונגען פון די מוסדות, פון וואָס דער ציבור משתתפים וועט געוויס שטאַרק הנאה האָבן.

דער מעמד אַנטשפּרעכט צו זיין גאָר א געהויבענער און גייסטרייכער, און יעדער וועט אי"ה אַהיימנעמען פונעם מעמד הויפענס מיט השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות, בזכות צדקת רבי מאיר בעל הנס, מיט וועלכע מוסדות יטב לב זענען גוט באַקאַנט.

### עדות משמיעות: הרה"ח ר' מאיר הירש הי"ו

ביים היי-יעריגן דינער וועט מען אי"ה האָבן דעם כבוד צו הערן די "עדות משמיעות" איבער די הצלחה פון די הייליגע מוסדות וואָס וועט איבערגעגעבן ווערן דורך הרבני הנגיד המפואר הטפסר המרומם מוה"ר מאיר הירש הי"ו מראה"ק והמוסדות בקרית יואל יצ"ו.

דער נאָמען "ר' מאיר הירש הי"ו" איז אין די לעצטע חדשים עטליכע מאָל געהערט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט די הייליגע מוסדות יטב לב. פאַרגאַנגענעם ווינטער האָט ר' מאיר הי"ו געוויילט צוגאַסט אין ארה"ק, און האָט דערביי אויסגענוצט די געלעגענהייט צו גיין באַזוכן אין אַלע אָפּטיילונגען פון די מוסדות, סיי אין ירושלים און סיי אין בני ברק, סיי אין די תלמוד תורה און סיי אין די ישיבות, ישיבה קטנה און ישיבה גדולה. ר' מאיר הי"ו האָט פונדערנאָנט צוגעזען די אויסטערלישע הצלחה פון די הייליגע מוסדות, און ווי עס שוין די חזקה ביי סיי וועמען עס טרעט אַריין אין די מוסדות, איז ר' מאיר הי"ו גאָר שטאַרק נתפעל געוואָרן ממה שעיניו ראו איבער די געוואַלדיגע הצלחה פון די הייליגע מוסדות.

טאקען דאַן, פאַרברענגענדיג צוזאַמען מיט די געטרייע חברי הנהלת המוסדות האָט ר' מאיר הי"ו זיך דערוואוסט פון דעם אויסנאַם שווערער מצב וואָס הערשט ליידער אין די מוסדות, און מיט וואָס פארא מסירת נפש די געטרייע כלי קודש זענען מרביץ תורה פאר די תלמידים, נאָכדעם ווי מען איז זיי שוין שולדיג געווען אַזויפיל חדשים געהאַלט.

מיט זיין וואַרעמהארציגן געפיל פאר יעדע זאַך וואָס איז נוגע לחצר קדשינו סאַטמאַר, האָט ר' מאיר הי"ו זיך אַריינגעוואָרפן אין די טעג פאַר'ן יום טוב פסח צו פאַרזיכערן די ווייטערדיגע הצלחה פון די הייליגע מוסדות, ופעולותיו עשו פרי לטובה. אַדאַנק די איבערמידליכע פעולות פון ר' מאיר הירש'ן הי"ו האָט מען ב"ה באַוויזן דאָס אומגלויבליכע, און נאָך פאַר'ן יום טוב פסח האָט מען ב"ה אָפּגעשיקט קיין ארץ ישראל די קאָלאָסאַלע סומע פון אַריבער "א מיליאָן דאָלאַר" דורך וועלכע מ'האָט געהאַט די מעגליכקייט אויסצוצאָלן דאָס גאַנצע געהאַלט פאר אַלע כלי קודש אין די מוסדות.

דאָס איז נישט געקומען צופיס. ר' מאיר האָט געאַרבעט און געטון. ער האָט פאַררופען מסיבות און פערזענליך אָנגערופן נגידים און גרעסערע בעלי יכולת, אויפפאָדערונג זייערע נדבות לטובת מוסדות יטב לב. דער עצם פאַקט אַז אַזאַ פערזענליכקייט ווי ר' מאיר הירש הי"ו האָט זיך אַריינגעלייגט אין די אַרבעט לטובת מוסדות יטב לב, האָט שטאַרק עושה רושם געווען אַז אידן נגידי לב האָבן זיך געלאָזט קאָסטן גרעסערע סכומים לטובת מוסדות יטב לב. ר' מאיר הי"ו איז גוט באַקאַנט מיט זיינע פולזייטיגע פעולות לטובת קהלתינו הק'. שוין יאָרן לאַנג וואס ר' מאיר הי"ו איז אַריינגעטון בעובי הקורה צו שטיין ביים רודער פון די הייליגע מוסדות אין קרית יואל, און עס איז מובן מעצמו, אַז די טעג פאר פסח זענען די קרית יואל'ער מוסדות אויך שטאַרק פאַרנומען מיטן שאַפן גרויס געלט, כדי אויסצוצאָלן פאר די כלי קודש. דאָס זעלבע איז ר' מאיר הי"ו פאַרנומען מיט אַנדערע וויכטיגע פראָיעקטן וואָס צו אַלעם נויטיגט זיך ספּעציעלע אַרבעט און איבערגעגעבנקייט אין די טעג פאר פסח.

טאַקע אַזא פערזענליכקייט ווי ר' מאיר הירש הי"ו וואָס ווייסט זייער גוט ווי שטאַרק מ'מוטשעט זיך צוצוזאמצושטעלן א בודזשעט פון די מוסדות, און מיט וויפיל מער די ארץ ישראל'דיגע מוסדות זענען

יא◄

# רבי עקיבא אייגערס פאָרשריפטן צום דינער



א באַקאַנטע מעשה'לע ווערט דערציילט. א געוויסער איינגערעדטער תלמיד חכם איז אַמאָל אַריינגעקומען צו א רב, און זאָגט אים מיט באַגייסטערונג: רבי, כ'האָב מחבר געווען א ספר צו פאַרענטפערן "אַלע" קשיות וואָס רבי עקיבא אייגער זצ"ל לאָזט ביי "צריך עיון" אויסער אויף דריי צריך עיונ'ס פון רבי עקיבא אייגער האָב איך נישט געטראָפן קיין תירוץ.

מיני ובי' האָט אים דער רב געענטפערט: יאָ יאָ, דריי קשיות פון רבי עקיבא אייגער האָסטו פאַרשטאַנען...

רבי עקיבא אייגערס א ווארט איז נישט אַזוי פשוט. עס איז עמוק עמוק, און אויב איינער קומט זאָגן אַז ער האָט דאָס געקענט אַזוי לייכט פאַרענטפערן איז א סימן אַז ער האָט דאָס פשוט נישט פאַרשטאַנען.

לאָמיר אַלזאָ נעמען א שטיקל רבי עקיבא אייגער, און פרובירן עס צו פאַרשטיין, און גלייכצייטיג זיך אויך אָנטרעפן מיט העכסט-אינטרעסאנטע דינער-פאָרשריפטן וואָס איז אייגענטליך שוין פון זיין גרויסן זון וממלא מקום הגאון רבי שלמה אייגער זצ"ל אבד"ק פוזנא.

## לשון צדיק נבחר

אין א בריוו וואָס איז געדרוקט אין "אגרות סופרים" (עמוד ק"ז) שרייבט רבי שלמה אייגער זצ"ל ווי פאָלגענד:

**"משמת רבי אבא מארי רב הגולה (הגאון רבי עקיבא אייגער) זצוק"ל בטלה השקידה בקצת ערי המחוז לשלוח הנה תנופתם למסעד אחינו העניים ואביונים די בארעא דישראל ובירושלים עיר הקודש תוב"ב. ואני כבואי הנה כי הושיבנו ה' על כס אָבִי אַבִי ישראל למלא מקומו, לא נודעתי להם כי יקרה מצוה זו וגדולה היא גם בעיני, עד כי לא חדל אני מטרוח בקבלת דמים אלה, ובהגיעם אל המקום אשר ילכון. כאשר גם עד בואי הנה עודני בק"ק ווארשא ובק"ק קאליש לא הייתי תהלה לה' בטל ממצוה זון מנעורי עד היום הזה.**

**"כעת העירנו קצת מרבנים גדולים שבמדינה כי יכון להודיע ולגלות אוזן אנשים העוסקים במצוה זו במושבותם, אשר אחפוץ כזאת כי יבא הכסף המאוסף אלי, כי ישנו איש הולך וסובב, מדלג על הערים לקחת הדמים המקובצים להביאם לגבאי אה"ק שבק' ווארשא, ושכרו ותוצאות נסיעתו יאכלו את חצי הכסף המאוסף באין ספק.**

**"ובאמת זכור אני שזה שנתים שאל ממני איש אחד לסעדו במכתב ידי על כך, ולא נעניתי לו, כי אמרתי למה יגרעו דמי העניים מהוצאה שהיא ללא צורך. וגם לא נכון בעיניהם כי יהי' מחוז שלנו טפל ונגרר בתור מחוז ווארשא. והנה שמוע שמעתי לדברי החכמים ושלוח אני הפעם את ידי לכל המקומות להגיד כי ישר בעיני כי ישלחו הדמים המקובצים לידי, עם הבקשה שבמקומות אשר נרפים הם במצוה זו יתאמצו להעיר לחזק לבותם, היות מצוה רבה הלזו מוחזקת בידינו מימות עולם.**

**"ועם שאילה אחת קטנה, וגדולה היא לתכלית הענין. והוא שיהי' מועד אחת אל השלוח, רצוני שכל אחד אשר ישלח אשר בידו אם מעט ואם רב פעמיים בשנה, היינו בחודש אייר ובחודש מרחשון בכל שנה ושנה. והי' כאשר בל תזדמן נסיעה בטוחה ההולכת הנה בזמן הזה, אל יחוס על דמי הדואר אשר ימעיט דמי העניים, ויאבה לשלוח על הדואר לידי, כי כדאי וכדאי מעט דמי הדואר שיפסידו העניים לעומת תועלת מרובה שיצא להם מזה.**

אין אידישער איבערזעצונג:

**"פון ווען עס איז נפטר געוואָרן מיין גרויסער פאָטער דער רב הגולה (רבי עקיבא אייגער) זצוק"ל איז אין פאַרשידענע שטעט אָפּגעשוואַכט דער פלייס פון אהערשיקן די נדבות מיט וואָס מען שטיצט אונזערע אָרימע ברודער אין ארץ ישראל און אין ירושלים עיה"ק ת"ו. פון ווען איך בין געקומען אַהער (קיין פוזנא) ממלא מקום צו זיין דאָס אָרט פון מיין פאָטער (אַלס רב אין פוזנא), האָב איך נאָכנישט צואוויסן געטון פאר די אידן אַרום, אַז די מצוה איז זייער טייער און גרויס אויך אין מיינע אויגן אויף אַזוי ווייט, אַז איך האַלט מיך נישט אָפּ פון זיך צו באַמיען צוזאַמצונעמען דאס געלט (מעות ארץ ישראל), און צו זען עס צוצושיקן דאָרט וואו אהין עס דאַרף אָנקומען (ארץ ישראל). אַזוי האָב איך אויך געטון ביז היינט ווען איך האָב נאָך געוואוינט אין וואַרשאַ און אין קאַליש, האָב איך אויך עוסק געווען אין די מצוה, פון מיין יוגענד אן ביז צום היינטיגן טאָג.**

**"אַצינד האָבן עטליכע גרעסערע רבנים פון די מדינה מיך מעורר געווען, אַז אַז איך זאל מודיע זיין פאר די (גבאי צדקה) וואָס זענען עוסק אין די צדקה אין זייערע שטעט, אַז מען זאל מיר איבערגעבן דאָס געלט וואָס זיי נעמען צוזאַמען. ווייל עס איז דאָ א געוויסער מענטש וואָס דרייט זיך אַרום צוזאַמצונעמען דאָס געלט פון אַלע גבאים, און ער וויל דאָס איבערגעבן פאַר'ן הויפּט-גבאי אין וואַרשאַ, אָבער אין רעזולטאַט (פון שיקן דאָס געלט אַזוי ווייט) ווערט בלי ספק אויפגעגעסן האַלב פונעם געלט וואָס קומט אַריין.**

**"און אין אמת'ן געדענק אַז נאָך צוויי יאָר צוריק האָט א געוויסער מענטש מיך געבעטן אַז איך זאל אים געבן א בריוו (צו קענען צוזאַמנעמען דאָס געלט פר ארץ ישראל, און ער זאל דאָס שיקן אויף וואַרשאַ) און איך האָב אים נישט געוואָלט געבן. כ'האָב געזאָגט 'פארוואס זאל פארמינטערט ווערן דאָס געלט פון די אָרימעלייט מיט אן אומזיסטע הוצאה?'.**

**"... איך ווענד מיך דעריבער צו אידן אין די אַלע מקומות, און איך בעט אַז מען זאל שיקן דאָס געלט גלייך צו מיר. עקסטער בעט איך אַז אויף די פלעצער וואו מען איז נאָכגעלאָזט מיט די מצוה זאל מען זיך אנשטרענגן פאר די מצוה וואָס מיר האָבן שוין אַזויפיל יאָרן בירושה פון אונזערע עלטערן.**

**"דערצו בעט איך נאָך א קליינע בקשה, וואָס איז א גרויסע בקשה פאַר'ן תכלית פון די זאַך. איך בעט אַז עס זאל זיין א באַשטימטע צייט ווען מען זאל שיקן דאָס געלט. איך וויל אַז צוויי מאָל א יאָר, איינמאָל**

ד

ג

**חודש אייר און איינמאָל חודש חשון, זאל יעדער צושיקן דאָס געלט וואָס ער האָט שוין אָנגעזאַמעלט (פאר צדקת רבי מאיר בעל הנס) סיי וויניג סיי אַסאַך. אין א פאַל עס מאַכט זיך אַז מ'האָט נישט קיין זיכערער שליח מיט וועמען צו שיקן דאָס געלט, זאל מען נישט שוינען אויף די פאסט-הוצאות. מ'זאל דאָס נעמען פון די צדקה געלט, און מ'זאָל עס מיר שיקן דורך די פאסט, ווייל עס לוינט זיך דאָס ביסל געלט וואָס די אָרימעלייט וועלן שאָדן האָבן, קעגן דעם גרויסן תועלת וואָס וועט זיי אַרויסקומען פון דעם. ע"כ דבריו.**

## א האַרבע סתירה...

ס'ערשטע זאַך זעט מען פון דעם, אַז שוין בימיו פון רבי שלמה אייגער זצ"ל איז געווען איינגעפירט אַז "חודש אייר" איז געווען באַשטימט פאר די צענטראַלע אַקציע פאר די ארץ ישראל'דיגע מוסדות... דער ערשטער פאָרשריפט צו אונזער דינער.

אָבער עס שטעלט זיך דאָ א מרפסין איגרא'דיגע קשיא. א סתירה מיני וביה. אַנהייב פונעם בריוו שרייבט ער אַז מ'זאל דאָס געלט נישט איבערגעבן פאר א געוויסן שליח, ווייל דורך יענעם האָבן די ארץ ישראל אידן שאָדן. עס גייט אַראָפּ זייער אַסאַך פאר די הוצאות. ווידער עטליכע שורות שפּעטער בעט ער אַז מ'זאָל אים שיקן דאָס געלט אויף די פאסט, און מ'זאָל נישט קוקן אויף די הוצאות. וואָס גייט דאָ פאר?

גאַנץ פשוט, און ער שרייבט דאָס זייער קלאָר אַרויס אין זיין בריוו. צדקה פאר ארץ ישראל'דיגע מוסדות איז נישט קיין זאַך מיט וואָס מ'קען זיך אַרומשפּילן. מ'קען נישט צולאָזן אַז אַזויפיל ווי האַלב פונעם געלט זאל פאר'תכלוועט ווערן סתם אַזוי. אוודאי, צו שאַפן געלט קאָסט געלט. און אַז עס קומט אויס אַז מ'זאָל דאַרפן צאָלן אַביסל פאסטעדזש-הוצאות, עס וועט בעסער אַזוי אַרבעטן, עס וועט שנעלער אָנקומען, אדרבה ואדרבה, שוינט נישט אויף דאָס ביסל געלט, ווייל דאָס איז א טובה פאר די ארץ ישראל'דיגע מוסדות. אָבער אַז עס איז די רעדע פון אַזויפיל ווי האַלב פונעם געלט זאל גיין לאיבוד, אפילו ווען עס איז פאַר'ן תכלית פונעם מוסד, דאָס טאָר שוין נישט זיין!

כמדומה אַז עס איז שוין היינט איבעריג ארויסצוברענגן. מוסדות יטב לב איז דער פאָן-טרעגער פון מוסדות הק' אין ארץ ישראל וואָס זענען אָנגעוויזן אויף יעדע פּעני פון צדקה. ווי אַרויסגעברענגט אין א באַזונדערן אַרטיקל, הייבן מיר אָן יעדן חודש מיט א 0,00 באַלאַנס... מ'איז אָנגעוויזן אויף גרויס געלט און אויף קליין געלט, און עס וואָלט גאַנץ לייכט געווען אויפצושטורעמען די געפילן מיט ריזיגע ליילעכער און מעכטיגע דינערס, מיט דראַמאַטישע רעדנערס און אויפרייסערישע גורלות... אָבער מוסדות יטב לב האָט פאָרשריפטן. מ'קען זיך בשום אופן נישט ערלויבן אויסצוגעבן האַלב אָדער אפילו מער פון וויפיל עס קומט אַריין, כדי צו קענען שאַפן געלט.

אַביסל געלט יאָ, אָבער עס מוז זיין מיט א גבול. יעדע פּעני וואָס ווערט אויסגעגעבן דאַרף זיין מיט א גענויעם חשבון, ערשטענס אַז עס זאל טאַקע ברענגען געלט, און בעיקר אַז עס זאל ברענגן גענוג געלט אַז עס זאל זיך האָבן געלוינט די הוצאה!

אָבער אין אמת'ן, אינעם דערמאַנטן בריוו ליגט אויך א האַרבער רבי עקיבא אייגער זעלבסט...

## רבי עקיבא אייגערס טייערע צייט!

דאָס איז דער עמקות וואָס ליגט אין א ווארט פון רבי עקיבא אייגער'ס א זון...

מיר דאַרפן נישט, און מיר קענען ניטאַמאָל פארשטעלן פאר קיינעם צווישן אונז וואָס עס הייסט "רבי עקיבא אייגער". גדול מרבן שמו! דער בלויזער נאָמען "רבי עקיבא אייגער" איז באַקאַנט אַלס א סימבאָל פון טיפער חריפות און הפלא'דיגער גאונות. דאָס קומט אוודאי נישט צופיס. ווער עס האָט נאָר אַמאָל געליינט די קורות חייו פון דעם גאון נורא האָט שוין זיכער זיך נענטער באַקענט מיט זיין אויסטערלישע התמדה וואָס האָט נישט געהאַט קיין גבול. יומם ולילה במלוא מובן המילה איז ער געווען אַריינגעטון אין לערנען.

און דאָך שרייבט דער זון אַזעלכע אינטרעסאנטע דיבורים "פון ווען עס איז נפטר געוואָרן מיין גרויסער פאָטער איז אין פאַרשידענע שטעט בטל געוואָרן דער פלייס פון אהערשיקן דאָס נדבות דערמיט צו שטצן אונזערע אָרימע ברודער אין ארץ ישראל און אין ירושלים עיה"ק ת"ו". הלא דבר הוא. אויב עס איז דאַן נאָך זיין פטירה אָפּגעשוואַכט געוואָרן, איז א באַדייט אַז ביז דאַן איז דאָס יאָ געווען ברום המעלה. אידן פון די אַרומיגע שטעט האָבן ביז דאַן יאָ געשיקט גרעסערע געלטער פאר די עניי ארץ ישראל. ווי אַזוי? פון זיך אַליינס? געוויס נישט!. מ'זעט דאָרט ווייטער אינעם בריוו, איז דאָס נאַכלעסיגקייט וואָס האָט זיך דאַן געשאַפן איז א דירעקטע רעזולטאַט, ווייל ער רבי שלמה איז נישט גענוג מעורר דעם ציבור, וואָס מ'זעט פון דעם קלאָר, אַז ביז דאַן האָט מען יאָ מעורר געווען.

ס'איז טובא איכא למשמע מינה אַז דער הייליגער צדיק, דער גאון עולם וואָס יעדע סקונדע איז געווען אַזוי טייער אין זיינע אויגן, האָט אָבער פערזענליך זיך אָפּגעגעבן מעורר צו זיין דעם ציבור, און געמאָנט און געפאָדערט אַז מען זאל שטיצן די הייליגע צדקה פון "צדקת רבי מאיר בעל הנס". ער האָט מקיים געווען דעם "עת לעשות לה' הפרו תורתך" און זיך אָפּגעגעבן מיטן שאַפן און צוזאַמנעמען געלט פאר רבי מאיר בעל הנס.

א באדייטנפולער "פאָרשריפט" צום יטב לב דינער!

דאָס איז געווען דער דרך פון אַלע צדיקים! מקדים צו זיין צדקת רבי מאיר בעל הנס פאר סיי וואָס! מ'קוקט אַביסל אין די ספרי קורות הימים איז כמדומה נישט דאָ נאָך אַזאַ טאפיק ווי "צדקת רבי מאיר בעל הנס" וואָס זאל אַרומנעמען "אַלע" צדיקים און גדולי עולם, אָנגעהויבן פון פוילישע צדיקים ביז ספרד'ישע גדולים, אונגאַרישע רבנים און תימנ'ער חכמים, גאַליציאַנער רבי'ס און ליטווישע ראשי ישיבות, און אַלעס אַלעס אינצווישן. אַלע צדיקים האָבן אויף די צדקה פון רבי מאיר בעל הנס געזאָגט "קדוש קדוש קדוש" און האָבן טראָץ זייער דביקות בה' ובתורתו, דאָך געטון אַלע מיטלען און מעגליכקייטן מרים צו זיין דעם קרן הצדקה פון די הייליגע צדקת רבי מאיר בעל הנס.

געווי דאָס האָבן מיר צוגעזען ביי אונזערע הייליגע רבי'ס אשר מפיהם אנו חיים עד היום הזה. אָפּגערעדט פון הייליגן צאַנזער רב זי"ע פון וועמען עס איז פאַרבליבן אַזויפיל מכתבי קודש אין וועלכע מ'זעט וויפיל ער האָט זיך מתעסק געווען פאר צדקת רבי מאיר בעל הנס. אָפּגעזען פון הייליגן חתם סופר זי"ע וואָס האָט זיך מוסר נפש געווען פאר די צדקה. נאָר טאַקע ביי אונזערע רבי'ס, די צדיקי בית סיגוט וואָס האָבן אומאויפהערליך געאַרבעט פאר די הייליגע צדקה.

ותחלה למקראי קודש דער הייליגער ישמח משה זי"ע, וואָס מ'זעט אין עטליכע בריוון וואָס ער האָט געשריבן, וויפיל ער איז זיך מטריח, און וויפיל ער בעט און פאָדערט אַז איינשטעלן א סדר נכון פאר צדקת רבי מאיר בעל הנס.

דאָס זעלבע די אַנדערע צדיקי בית סיגוט, ווי הגה"ק בעל קדושת יום טוב זי"ע ולאחריו הגה"ק בעל עצי חיים זי"ע, ווי מרן רבינו שליט"א ברענגט דאָס כסדר אַרויס. והדור אתם ראו האָבן אנ"ש דאָהי אין ניו יאָרק צוגעזען דעם אויסטערלישן התקשרות וואָס מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האָט געהאַט צו די הייליגע צדקה פון "צדקת רבי מאיר בעל הנס" פון מוסדותינו הק' יטב לב. אַזש בערוב ימיו הקדושים, ווען דער רבי זי"ע איז שוין געווען שטאַרק

יא

# פינאַנציעלער באַריכט




## צווייטער טייל

האַלטן מיר אינמיטן איבערגעבן דעם "פינאַנציעלער באַריכט" ווי אויסטערליש מ'האָט אין די לעצטע חדשים זיך געפלאָגט אין בני ברק, אַזש דורכאויס די לעצטע חדשים האָט דער מצב ליידער אויסגעקוקט אַביסל האפונגסלאז ח"ו. נישט איינמאָל און נישט צען מאָל האָט מרן רבינו הגה"ק שליט"א אַריבערגערופן די געטרייע עסקנים חברי הנהלת המוסדות, איבערצושמועסן דעם מצב, צו זען כדת מה לעשות וואָס עס איז מעגליך צו טון אויף אָפּצוראַטעווען די הייליגע מוסדות פשוטו כמשמעו. בפקודת הקודש פון רבי'ן שליט"א האָט מען אין באָראָ פּאַרק אָרגאַניזירט דעם גרויסן "עצרת רבתי" לטובת מוסדותינו, און אין די ווייטערדיגע חדשים האָט דער מצב פון אונזערע מוסדות ממש נישט געגעבן פאַר'ן רבי'ן שליט"א קיין מנוחה. רבינו שליט"א האָט פערזענליך געטון פאַרשידענע פעולות, און גלייכצייטיג אומאויפהערליך געמאָנט און געפאָדערט אונטערצונעמען די פּאַסיגע שריט.

די הנהלה פון דאָהי האָט פון איין זייט געטון כל מה שבידם. און דער אמת איז. עס שרייבט זיך אַזוי לייכט. די הנהלה האָט געטון. ס'איז נישט אַזוי ווייט די הנהלה, ווי דאָס אַז די הנהלה האָט ב"ה געטראָפן אן אוזן קשבת ביים ברייטן ציבור. מוסדות יטב לב איז היינט שוין ב"ה גענוג פאַרהייליגט ביים גאַנצן ציבור. אידן זעען אין די מוסדות אויסטערלישע ישועות אויף כל מיני ענינים, און בכלל איז טיף איינגעבאקן ביים ציבור א טיפע הערצה און אחריות צו שטיצן די מוסדות, וויסענדיג ווי שטאַרק עס איז רצון קדשם פון רבוה"ק זי"ע ויבלחט"א מרן רבינו שליט"א אַז יעדער זאל אַרויסנעמען זיין חלק בהחזקת המוסדות, וואָס דאָס ברענגט דערצו אַז יעדער שפירט פאר א זכי' און פליכט צו שטיצן מוסדות יטב לב.

### כל דצריך ייתי ויפסח

אַזוי האָט זיך דער שווערער מצב ליידער געצויגן במשך דעם גאַנצן ווינטער, און אַז עס איז געקומען פאַר'ן יום טוב פסח העעל"ט האָט יעדער פאַרשטאַנען אַז עפּעס דראַסטישע שריט מוז אונטערגענומען ווערן. דער שמועס איז געגאַנגען אַז אויף פסח מוז מען האָבן אויסגעצאָלט פאר די כלי קודש דאָס געהאַלט פון כאָטש דריי חדשים.

די היזיגע הנהלה האט פון איין זייט געזען דעם שווערן מצב אין ארה"ק, און פון די אַנדערע זייט דערזען אַז במשך דעם ווינטער האָט מען טאַקע מערסטענטייל געשיקט כמעט יעדן חודש די היזיגע תמיכות. פּאָרט אָבער האָט מען דאָ און דאָרט אויסגעלאָזט. דאָ א חודש, דאָ א האַלבן חודש, ובפרט האָט מען נאָך געדאַרפט שיקן די תמיכות פון "כפל" אויף חדשי ניסן און פון פאַרגאַנגענעם תשרי, ועוד בה האָט מען אַצינד געדאַרפט שאַפן און שיקן אויף חדשי האדר און אויף חודש ניסן.

צוליב דעם שווערן מצב אין ארה"ק האָט די הנהלה אונטערגענומען דעם גאָר וויכטיגן "הונדערט-אַכציג דאָלאַר קאַמפּיין" לטובת די יערליכע קמחא דפסחא וואָס האָט ב"ה אָפּגעצייכענט א קאָלאָסאַלער הצלחה. דער ציבור האָט זיך באַשטייערט מיט גרעסערע סכומים, און די עסקנים האָבן געאַרבעט איבערמידליך, אַזוי אז אַדאַנק דעם וואַרימען אָפּרוף פונעם ציבור האָט מען ב"ה געהאַט די מעגליכקייט, און נאָך פאַר'ן יום טוב פסח העעל"ט האָט מען שוין פונעם היזיגן אָפּיס געהאַט אָפּגעשיקט "אַלעס" אַלעס וואָס מען איז נאָך געווען שולדיג אויפן חשבון פון די תמיכה ביז היינט.

אָה, א גרויס חלק פונעם פּראָבלעם איז שוין געלעזט געוואָרן. דאָס געלט איז שוין געשיקט געוואָרן. אָבער דער לאָך פון די מוסדות דארט איז דערווייל נאָך ווייט נישט געווען געדעקט. דער לאָך פון שווערע הונדערטער טויזענטער דאָלאַרן וואָס ווערט שלא ביושר אָפּגעהאַלטן פון די מוסדות, איז דערווייל נאָכנישט געווען פון וואו צו נעמען.

אָט צו דעם איז אונטערגעקומען ווי א מלאך מושיע דער געטרייער איש החסד והמעש הרבני הנגיד הטפסר המרומם מוה"ר מאיר הירש הי"ו מראה"ק והמוסדות אין קרית יואל יצ"ו, וועלכער האָט פערזענליך אינטערוועווירט ביי נגידים בעם אנ"ש פון אומעטום, און געשאַפן פאַנטאַסטישע סכומים וואָס איז אָפּגעשיקט געוואָרן קיין ארץ ישראל, וואָס דאָס אַלעס צוזאַמען האָט צוגעברענגט אַז מ'האָט ב"ה געהאַט די מעגליכקייט אויסצוצאָלן פאר די כלי קודש ביז צום יום טוב פסח העעל"ט, ועד בכלל.

### דער רוח של שמחה אומעטום

קען מען זיך אפילו פארשטעלן וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטון אין ארה"ק?

ס'איז דאָך נאַטורליך אַז א מלמד וואָס מען איז אונטערשטעלונג מיטן צאָלן דאָס געהאַלט אויף עטליכע חדשים. ניין, נישט עטליכע וואָכן, נאָר עטליכע "חדשים"! ער האָט זיך זיכער גערישט אַז פאר פסח וועט ער "עפּעס" באַקומען, אָבער איז פּאָרט גענצליך נישט געווען גערישט אַז נאָך פאר פסח וועט ער באַקומען אַלעס וואָס מען איז אים שולדיג. און פּאָרט, ווען ער איז געגאַנגען ערב יום טוב נאָכמיטאָג צום מצות באַקן, האָט ער שוין געוויסט אז גייט באַקומען דאָס גאַנצע געהאַלט. קען מען זיך אפילו פארשטעלן מיט וואָס פארא הרחבת הדעת מ'איז געגאַנגען צום סדר? קען מען אפילו שילדערן ווי אַזוי די מלמדים האָבן אסרו חג פסח אָנגעהויבן דעם נייעם זמן הקיץ? ניין. מ'קען ניטאַמאָל שילדערן מיט וואָס פאר א מנוחת הנפש מ'האָט אָנגעהויבן צו לערנען מיט די תלמידים אן קיין דרוק פון באָרגן און באַצאָלן פון איינעם צום צווייטן. גענוי ווי א זעענדיגער מענטש האָט אין קיין פאַל נישט די מעגליכקייט מסביר צו זיין פאר א בלינדן מענטש ווי אַזוי עס קוקט אויס דער קאָליר פון רויט אָדער שוואַרץ, קען מען פאר א דורכשניטליכער פאַרדינער נישט מסביר זיין דעם געפיל פון א שווערער אַרבעטער וועלכער האָט פשוט און פראָסט נישט באַקומען באַצאָלט פאר עטליכע חדשים צייט, און ווען ער האָט דאָס באַקומען, ווי גרויס עס איז זיין שמחה און צופרידענהייט.

דאָס איז געווען ביי די מלמדים, און נאָך מער ביי די געטרייע חברי הנהלה. יאָרן לאַנג וואָס די געטרייע חברי הנהלה שטייען און מוטשען זיך איבער די כוחות. מ'איז פון איין זייט פאַרנומען צו דעקן די "באַנק" און פון די אַנדערע זייט אַריינצוכאַפּן די חצים ובליסטראות וואָס ווערט געוואָרפן אויף זייער זייט. אונטער די שווערסטע אומשטענדן האָבן די געטרייע

◄ו

ה

חברי הנהלה פאָרגעזעצט אָנצוגיין מיט די הייליגע אַרבעט. חדשים און יאָרן לאַנג וואָס איין דאגה האָט זיי אומאויפהערליך געגבערט אין מח, וואָס וועט זיין מיט די אונטערשטעלונגען חדשים וואָס מען איז שולדיג פאר די כלי קודש? ס'איז דאָך נישט אויסגעהאַלטן! און איצט אויף איינמאָל, ב"ה מ'האָט באַוויזן אויסצוצאָלן. די שמחה איז געווען איבער אַלע גבולים! אַזא ריכטיגן "חירותינו" האָבן זיי זיכער שוין לאַנג נישט געהאַט!

נישט וויניג בליקן פון מוסדות אין ארץ ישראל וועלכע זענען ליידער נישט עומד בנסיון, און זענען יאָ נהנה משלטון הכופרים, זענען געשטאַנען און געוואַרט צו זען וואָס עס וועט זיין היי-יאָר פסח אין סאַטמאַר-בני ברק. געננוג און נאָך מנהלי המוסדות וואָס א גאַנץ יאָר האָבן זיי פּאָרט א געוויסן-ביסן פאַרוואָס זיי זענען נישט עומד בנסיון, האָבן שוין געטראַכט ביי זיך, ניין ס'איז נישט דאָ פון וואָס צו זיין צובראָכן, הא ראי' אַז אפילו סאַטמאַר אַליינס קען אויך נישט אויסצאָלן אויף פסח. און דער "כבוד שמים" און כבוד התורה הק' האמיתית וואָס איז אַרויסגעקומען פונעם אויסצאָלן פאר פסח איז ממש אין לשאר.

אין ארץ ישראל האָט מען זיך געפריידט און אין וויטן חו"ל האָבן אויך דערגרייכט די כוואַליעס פון פרייד. ווי נאָר די חברי הנהלה האָבן ערב פסח מיטאָג צייט, איבערגעגעבן די בשורה טובה פאר מרן רבינו שליט"א איז געווען ממש "ותחי רוחו" און די שמחה של מצוה לכבוד אפיית המצה איז געווען משולב מיט די אויסטערלישע שמחה אַז די געטרייע כלי קודש אין די ארץ ישראל'דיגע מוסדות זענען ב"ה גענצליך אויסגעצאָלט.

עס איז געווען א שמחה פאר די חברי הנהלה, און א שמחה פאַר'ן גאַנצן ציבור, ביי וועמען די מוסדות הק' יטב לב איז אַזוי שטאַרק נוגע ללבבם.

און והעיקר, נהפכו פני שונאי המוסדות כשולי הקדרה. די גאַנצע האָראָוואַניע וואָס מ'לייגט שוין אַריין אַזויפיל יאָר מיטן איינעם ציל, צו זען אז מ'זאָל בלייבן אונטערשטעלונג פאר די כלי קודש וואָס מער, איז מיטאַמאָל צופאַלן ווי אַ זייפן-בלאָז. אַז עס איז געקומען פסח האָט מען באַצאָלט, און נישט סתם באַצאָלט, נאָר טאַקע פולקאָם באַצאָלט עד פ"א. אַלעס גייט ווייטער על מי מנוחות, און דער ציבור איז פאַראייניגט אונטער די געטרייע חברי הנהלה וואָס האָבן אַזוי געניט געפירט דעם שיף אין די שטורמישע כוואַליעס.

ניין און ניין, זייער ציל איז "נישט" דערגרייכט געוואָרן. דער כח הקודשה וואָס רבוה"ק זי"ע האָבן אַזויפיל אַריינגעלייגט אין די ארץ ישראל'דיגע מוסדות איז קאי וקיימי, און מ'זעט בחוש ווי דער גרויסער כח גייט ב"ה אן ביז צום היינטיגן טאָג.

## און יאָ, וואָס טוט זיך אין ירושלים עיה"ק?

ליידער נישט צופיל בעסער. אין די צייט וואָס אין בני ברק זענען פאַרשידענע הכנסות פּשוט אָפּגעהאַלטן געוואָרן, איז אָבער דער מצב אין ירושלים אַז עס איז ניטאַמאָל קיין הכנסה וואָס אָפּצוהאַלטן... די ירושלים'ער מוסדות זענען קוים מיט עטליכע יאָר צוריק פריש-געגרינדעט געוואָרן. דער התחלת קשות פון די מוסודת לאָזט נאָך זיך שטאַרקע פינגער אָפּדרוקן, און חודש-נאָך-חודש ענדיגט מען מיט א דעפיציט פון שווערע טויזענטער דאָלאַרן.

אין רעזולטאַט איז מען אין ירושלים געווען אונטערשטעלונג מיט'ן צאָלן פאר די כלי קודש דאָס געהאַלטן פון זעקס-זיבן חדשים, און טראָץ וואָס פון דאָהי איז די תמיכה אָנגעקומען רעגעלמעסיג, איז אָבער דער לאָך פון די חובות געוואָרן אַלס מער גרעסער און ברייטער.

אַצינד צום היי-יעריגן יום טוב פסח איז געווען דאָס "ערשטע" מאָל זינט די מוסדות זענען פריש-נתייסד געוואָרן, וואָס מ'האָט געהאַט די מעגליכקייט אויסצוצאָלן פאר די כלי קודש אַלעס וואָס מען איז שולדיג ביז היינט.

איי איז דאָס געווען א שמחה וואָס האָט אויפגעהייטערט די גאַנצע קהלה. וואו מען האָט זיך געדרייט און מיט וועמען מ'האָט נאָר גערעדט, איז דאָס געווען דער געשפרעך. מ'האָט ב"ה אויסגעצאָלט!. די געטרייע חברי הנהלה וואָס זענען שוין די אַלע יאָרן אונטערן דרוק פון די שווערע חובות, האָבן ענדליך געהאַט די מעגליכקייט זיך עטוואָס צו באַפרייען פון דעם שווערן עול וואָס הויערט שוין אויף זיי אַזוי לאַנג.

## ראש חודש אייר הי'

ביז אהער איז דער פינאַנציעלער באַריכט אויף ביז ראש חודש אייר!

ראש חודש אייר האָט זיך אָנגעהויבן א פריש בלעטל. ווי יעדן ראש חודש, האָט ר"ח מיטגעברענגט מיט זיך א נייעם בודזשעט, נאָכאַמאָל וואָס מען דאַרף צאָלן געהאַלט, נאָכאַמאָל וואָס מ'דאַרף צאָלן סופּלייערס, און נאָכאַמאָל די געוועגליכע הוצאות ווי ביז היינט.

אויב הייבט מען ח"ו אן צוריקצופאלן, איז יתכן אַז דער גאַנצער שמחה איז אַביסל פריצייטיג. מיר ווילן דאָס אפילו נישט אויפן מחשבה אויפברענגן, אָבער זאל מען עטליכע חדשים אַרום ווייטער האַלטן ביי דעם אַז מ'וועט מוזן אַלאַרמירן דעם ציבור "שוין עטליכע חדשים וואָס מ'האָט נישט געקענט צאָלן דאָס געהאַלט" האַלט מען דאָך ווייטער ביי די א'! ומאי הועילו חכמים? ווידער וועט די דרויסענדע גאַס קענען ח"ו אָנצייגן אַז "סאַטמאַר אין ארה"ק" גייט יעדע עטליכע חדשים פריש אַריבער א קריזיס; ווידער וועט פעלן דער מנוחת הנפש און הרחבת הדעת פון די כלי קודש; ווידער די געטרייע חברי הנהלה פון ארה"ק ח"ו אונטערברעכן דעם שווערן לאַסט, און בעיקר, ווידער וועט דער קליינער קומץ אין בני ברק, וועמען די הצלחה פון די מוסדות איז לצנינים בעיניהם, קענען נענטער קומען צו זיין ציל צו זען ווי דעם רבי'ן זי"ע'ס גאַנצע האָראָוואַניע גייט לטמיון צוליב זייער תאוות הנצחון.

נאָך קיינמאָל ווי ביז היינט האָבן מיר נישט געהאַט די גאָלדענע געלעגענהייט וואָס מיר האָבן אַצינד, אָנצוהייבן פון איצט מיט א פרישן חשבון. די היזיגע הנהלה האָט אַלעס אויסגעצאָלט, און די אָרטיגע הנהלה האָט אַלעס אויסגעצאָלט. מ'האַלט איצט ביי 0,00... און עס איז ב"ה דאָ א גאָלדענע מעגליכקייט אַז דאָס זאל בעזהשי"ת אָנהאַלטן אויף די קומענדיגע חדשים און יאָרן עד ביאת הגואל. יעדן חודש וועט מען שיקן פון דאָהי באַצייטענס, און אַז עס וועט אָנקומען דאָרט באַצייטענס, זענען די אָרטיגע חברי הנהלה גרייט אַריינצולייגן נאָך מער כוחות, און אפילו זיך אָנצושטרענגן איבער די כוחות אַז דאָרט זאל מען צאָלן באַצייטענס.

וואנדן ווענדט זיך בעיקר אין די היזיגע תמיכה. אויב ח"ו מ'שפעטיגט דאָהי, איז קיין רעדע נישט אַז דערווייל זאל מען אין ארה"ק קענען איינשטעלן א רעגעלמעסיגן סדר פון צאָלן באַצייטענס. נאָר אויב מיר דאָ אין ניו יאָרק וועלן זיך שטרענג האַלטן צום דאַטום אַז "ראש חודש" מוז די היזיגע תמיכה שוין זיין אריבערגעווייערט קיין ארץ ישראל, דאַן איז בעזהשי"ת דאָ גינסטיגע האָפענונגען אַז די מוסדות וועלן אי"ה זיך קענען שטעלן אויף די פיס ווי עס דאַרף צו זען.

מיר מצדינו זענען זיכער מסכים און מיר קוקן שטאַרק אַרויס צו קענען שיקן די גאַנצע תמיכה יעדן איינציגן ראש חודש, אָבער מיר זענען נישט אַליינס. מיר עוסקים במלאכת הקודש דינען בלויז ווי דער בריק צווישן אנ"ש דאָהי און אנ"ש אין ארה"ק. מיר זענען די שלוחים פונעם ציבור, איבערצונעמען די נדבות פון יעדן, און דאָס אָפּשיקן פאר די מוסדות אין ארה"ק.

## דער דינער, א יסוד אויף ווייטער

און ווירקליך, טאַקע אין דאָס אויבנדערמאַנטע שטעקט דער פּראָבלעם. ווי דערמאַנט פריער, מ'האַלט איצט ביי 0,00. נישט נאָר איצט, נאָר יעדן איינציגן ראש חודש האַלטן מיר ביי 0,00. אַנדערש ווי אַנדערע מוסדות התורה, וואָס הייבן אן דעם חודש מיט פאַרשידענע רעגעלמעסיגע הכנסות, ווי שכר לימוד, פּראָגראַמען וכדומה, איז אונזער בודזשעט אַזוי אויסגעשטעלט אַז מיר האָבן נישט קיין "שום" הכנסה. ווי נאָר עס קומט אן ראש חודש, פאַלט אויף אונז אַרויף א פרישן עול פון שאַפן נאָך גאַנצע $130,000 אין די צייט וואָס מיר האָבן נישט דערצו קיין שום הכנסה "נאָר" דאָס וואָס קומט אַריין בנדבת לבם פון אנ"ש היקרים.

אַצינד גרייטן מיר זיך צום יערליכן דינער, דער זמן קהלה לכל וואָס ברענגט צונויף אנ"ש צו קומען מחזק זיין אונזערע הייליגע מוסדות. דער דינער איז טאַקע בלויז איינמאָל א יאָר, אָבער עס איז דער צענטראַלער זמן ווען עס ווערט אַראָפּגעלייגט דער יסוד אויפן גאַנצן קומענדיגן יאָר. אויב וועלן מיר בעזהשי"ת מצליח זיין ביים דינער, בעיקר מיטן שאַפן סכומים עצומים אויפן פלאַץ, און גלייכצייטיג צו שאַפן רעגעלמעסיגע תמיכות צווישן אנ"ש אויף איבערן גאַנצן יאָר, קענען מיר האָפן אַז איבערן יאָר וועלן מיר בעזהשי"ת מצליח צו זיין קענען שיקן באַצייטענס די תמיכות, און די הייליגע מוסדות וועלן אי"ה ווייטער אָנגיין אויפן דרך הישר.

אַז עס קומט איצט דער דינער השנתי קוקן מיר אַרויס בכליון עינים אויף די פּערזענליכע השתתפות פון יעדן יחיד בגוף, און בעיקר בממון. מיר האָפן שטאַרק אַז אנ"ש וועלן זיך אַנשטרענגן מיטצוברענגען צום דינער גרעסערע סכומים, ולכה"פ דער סכום פון $360 וואָס אַזוי אַרום האָפן מיר אַז צו קענען ווייטער אָנהאַלטן דעם סטאבליבן ווירטשאַפט וואָס איז ב"ה געלונגען איינצושטעלן.

והשי"ת יהי' בעזרינו על דבר כבוד שמו, צו קענען מצליח זיין בפעלותינו, ובזכות הרבים פונעם גאַנצן ציבור אויפאַמאָל וועלן מיר אי"ה ווייטער קענען אויספירן דעם הייליגן תפקיד און שליחות עד ביאת הגואל צדק. ■

# ״שלא״ יבוש המעין

מיט די היינטיגע ״טעכנעלאָגישע״ עפּאָכע איז די וועלט גענצליך געטוישט געוואָרן, נישט פון פאר צוואָנציג יאָר צוריק נאָר אפילו פון צען צי פינף יאָר צוריק אויך. וואָס עס איז אַמאָל זיכער, אַז פון צענלדיגער און זאָגאַר הונדערטער יאָר צוריק, איז די וועלט שוין לאַנג לאַנג געביטן געוואָרן.

קיין שינוי סדרי בראשית קען מען פאָרט נישט מאַכן, און אָפּגעזען ווי לייכט עס איז היינט צוצוקומען צו א שלונג וואַסער; מ׳ברויך נישט מער ווי א דריי טון דעם קראַן, און דאָס וואַסער פליסט ווי גלייך פון קוואַל אַרויס, קען מען קיין גענצליכער שינוי נישט מאַכן. ס׳איז טאַקע א שטאַרקער שינוי, אָבער צו מאַכן אַזאַ פאַרענדערונג אַז דער מענטש זאל גענצליך זיך קענען באַגיין אָן קיין וואַסער, דאָס איז נישט מעגליך. ס׳איז נישט במציאות אַז איינער זאל דאָס קענען משנה זיין. דאָס איז די טבע.

אין פריערדיגן יאָר-הונדערט און נאָך פריער איז טאַקע ״וואַסער״ געווען דער וויכטיגסטער אַרטיקל, נישט בלויז אין טאָג-טעגליכן לעבן, נאָר אפילו ביים גיין אין מלחמה קעגן א שונא, איז וואַסער איינס פון די וויכטיגסטע, אויב נישט דער סאמער-וויכטיגסטער ״תכסיס מלחמה״. יאָ, אמת דאָס מיליטער איז באַשטאַנען פון פערדן, וועגנער, שווערדן, גענארעלער, סאָלדאַטן, און נאָך, אָבער איינס פון די ערשטע צילן אויף וואָס דאָס מיליטער האָט זיך פאַרלייגט איז געווען ״וואַסער״. מיט אַביסל וואַסער האָט מען א גאַנצע מדינה געקענט איינעמען, און גאָר לייכטערהייט!

ווי אַזוי?

גאַנץ פּשוט! אָנקומענדיג צו סיי-וועלכען מדינה אָדער שטאָט דאָס איינצונעמען, האָט דאָס מיליטער צום אַלעם ערשט אָנגעהויבן צו זוכן אַרום דאָס לאַנד, וואו עס געפונען זיך די וואַסער-זאפאסן, מ׳האָט גענישטערט און געגריבעלט צו טרעפן וואו עס געפונען זיך אך די קוועלער און די ברונעמס וואָס שטעלט צו דעם וואַסער-געברויך פאר די שטאטס-לייט. אַז מ׳האָט עס געטראָפן, האָט מען עס גלייך חרוב געמאַכט, און אין די שטאָט האָט אָנגעהויבן צו הערשן א מאַנגל אין וואַסער.

דעם אַנדערן אינדרפרי האָבן די בני מדינה געוואָלט אַרויסקומען אָנשעפּן וואַסער פון ברונעם, אָבער... עס איז נישט דאָ. דער וועג איז פאַרמאַכט, און דער ברונעם איז חרוב. מ׳האָט אָנגעהויבן צו נוצן דאָס וואַסער וואָס מ׳האָט נאָך פאַרמאָגט אין שטוב, אָבער וויפיל קען טעג קען מען דען טרונקען פון דעם ביסל אנגעזאמעלטן וואַסער, ווען קיין פרישע קומט נישט צו?

דאָס וואַסער איז ביסלעכווייז געוואָרן ווייניגער און ווייניגער. די שטאָט מענטשן זענען מיטן גאַנצן נאנציאנאלן פאטריאטישקייט געבליבן דאָרשטיג און אויסגעשעפּט. זיי האָבן אָנגעהויבן צו פאַרלאַנגן פון די ראשי המדינה, אַז מ׳זאָל זען צו באנעצן זייערע לעפצן, און אַז דאָס איז נישט מעגליך געווען, האָבן די ראשי המדינה נישט געהאַט קיין צופיל ברירות, נאָר זיך אונטערצוגעבן פאַר׳ן שונא, וועלכער האָט אויף דעם אופן גאַנץ לייכט געקענט זיגן די מלחמה.

דאָס איז נישט סתם א פאַנטאַזיע. אין פרשת וארא ווען די תורה הייבט אן אויסצורעכענען די מכות וואָס פרעה הרשע האָט געכאַפּט, זאָגט דאָרט דער מדרש רבה ״פאַרוואָס האָט השי״ת געגעבן צום ערשטן די מכה פון דם?״ ווייל ביי מכת דם האָט השי״ת געשטראָפט דאָס וואַסער, און גענוי ווי יעדע מלוכה ווען מען גייט אין קריג מיטן פיינט, טרוקענט מען צום ערשטן אויס דאָס וואַסער, דאָס זעלבע האָט השי״ת געטון, ער האָט געשלאָגן דאָס וואַסער.

אַז ס׳איז געווען די רעדע פון פרעה, א פשוט׳ער בשר ודם וואָס איז געשטראָפט געוואָרן דורכ׳ן ״יד ה׳״ האָט פרעה נישט געהאַט צופיל וואָס צו טון, נאָר נאָך אַביסל האַרט צו מאַכן דאָס הארץ... וויפיל ער האָט פרובירט צו זוכן נייע קוועלער אַרום מצרים, האָט ער זיך אַלץ געטראָפן ביים זעלבן פראָבלעם. אויך די נייע קוועלער זענען געווען פיל מיט בלוט... אָבער אין געוויינליכע אומשטענדן האָבן די בני מדינה א שטיקל עצה, לכה״פ אויף עד יעבור זעם. די דרויסענדע קוועלער זענען אָפּגעשלאָסן? גראָבט מען נייע! אלענפאלס אויף ביז ווילאַנג די שטאָט איז באַלאַגערט זאל מען פון דאָרט קענען שעפּן וואַסער, אַז די שטאטס-לייט זאלן נישט בלייבן דורשטיג, און אַז מ׳וועט דורכטראָגן די וואַסער-באַלאַגערונג, געט מען כאָטש נישט קיין אטאמאטישן גרינעם ליכט פאַר׳ן שונא צו קענען מאַרשירן צו אַזאַ לייכטן זיג.

* * *

די היינטיגע תכסיסי מלחמה זענען נישט צופיל אַנדערש. די אופנים ווי אַזוי דאָס צו דערגרייכן זענען טאַקע היינט שוין פיל אַנדערש, אָבער די מעטאָדן און צילן זענען כמעט דאָס זעלבע.

שרייבענדיג די שורות גלייבט זיך פשוט נישט אַז מ׳האַלט ביי דעם. עס איז שווער אין ווערטער מסביר צו זיין דעם באַדייט פון די פּשוט׳ע ווערטער ״מ׳האָט ׳אַלעס׳ באַצאָלט פאר די כלי קודש״. ס׳איז נישט אַז אַנשטאַט אויף איין וואָך איז מען געווען שולדיג אויף דריי... עס איז אַז מען האָט אויסגעצאָלט אויף גאַנצע פינף צו זיבן חדשים. אָבער ס׳איז פיל מער פון דעם.

ווען איינער זאל אַריינקומען אין יטב לב אָפּיס צוויי וואָכן פאר פסח און זאָגן אַז דאָ גייט זיין א ״קוואַל״ פון וואו עס וועט קוועלן גרויסע סכומים געלט אַז מ׳זאָל קענען אויסצאָלן פאר די כלי קודש, וואָלט אים יעדער זיכער געענטפערט אַז ״נאָר בדרך נס קען דאָס פאַסירן״. בדרך הטבע האָט קיינער נישט פארגעזען פון וואו דאָס וועט זיין, און ווי אַזוי דאָס וועט ערמעגליכט ווערן.

ס׳איז נישט אַז דער קוואַל איז נישט דאָ. אוודאי איז עס דאָ. אָבער מיט אַלע ח

# המשך... "שלא" יבוש המעין

כוחות האָט מען פראָבירט דאָס צו פאַרשטאָפּן. א מינדערוויכטיגע קבוצה האָט זיך פאַרמאָסטן מלחמה צו האַלטן קעגן די מוסדות, און די עצה דערצו? אָפּהאַקן דאָס וואַסער! - אין אונזער פאַל: די אוצרות מיט געלט!.

"געלט" איז פאר א מוסד, לכה"פ אַזאַ וויכטיגער אַרטיקל ווי "וואַסער" פאר א לאַנד. אָן דעם קען מען נישט עקזיסטירן. און ווען מ'האָט זיך פאַרמאָסטן קעגן די מוסדות, איז דער אייינציגסטער טאַקטיק וואָס מ'נוצט: געלט. איך וועל יענעם ח"ו לאָזן אויסטרוקענען!.

ס'איז דאָ אן עדה אידן און ס'פירט זיך א הערליכע קהלה אין "בני ברק". "באר חפרוה שרים" א קהלה וואָס איז נתייסד געוואָרן מיט מסירת נפש ממש דורך מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, וואָס נאָך מיט אַריבער פופציג יאָר צוריק האָט דער רבי זי"ע זיך אויסגעדרוקט אויף די מוסדות "חסתי על עמלי שלא יגע לריק". איך שוין אויף מיין פלאַג אַז עס זאל ח"ו נישט זיין אומזיסט.

די בני ברק'ער מוסדות זענען לשם ולתהלה, און וואַלטן זיך גאַנץ גוט געקענט אויסהאַלטן. דער בודזשעט איז אָבער קריטיש וויכטיג אָנגעוויזן אויף די סכומים געלט וואָס די פאַרשידענע קוועלער ברענגען כסדר אַריין. און אַז מ'האָט די קוועלער אָפּגעהאַקט, האָט מען זיך ליידער דערזען ביי א מצב וואָס מ'האָט שוין ווייטער נישט געקענט אַזוי אָנגיין.

בחסדי שמים מרובים האָבן מיר אַלע זוכה געווען מיטצוהאַלטן ווי דעם רבי'נס זאָרג איז ב"ה נישט געווען אויף לשעתו. דער רבי האָט זיך דאַן געזאָרגט און זאָרגט זיך ווייטער!. אויף א למעלה מדרך הטבע'דיגן אופן איז ב"ה דעם רבי'נס גאַנצע יגיעה און האָראָוואַניע אָפּגעראַטעוועט געוואָרן "שלא יגע לריק". ס'איז ווירקליך מקוים געוואָרן דער "שלא יניח שבט הרשע על גורל הצדיקים" דעם צדיק'ס ווערק אויף וואָס ער האָט זיך אַזוי מוסר נפש געווען, איז ממש אָפּגעראַטעוועט געוואָרן אויף א הפלא'דיגן אופן.

ערשט נישט לאַנג צוריק איז געווען חודש ניסן. ס'איז געווען עטליכע וואָכן פאר פסח, און עס האָט ר"ל אויסגעזען אַז... מ'האָט ליידער אפגעטרוקנט!. נישט ח"ו די מלמדים, און נישט די מוסדות ח"ו. אונטער די שווערסטע אומשטענדן, נאָכדעם וואָס מען איז פאר די כלי קודש שוין שולדיג געווען דאָס געהאַלט פאר 4-5 חדשים! א סך הכל פון 20-25 וואָכן! פאָרט האָבן זיי מיט מסירת נפש אָנגעהאַלטן זייער אַמט, און זענען געבליבן לערנען מיט די תלמידים. ווער רעדט נאָך פון די געטרייע חברי הנהלה, קעגן וועמען די מלחמה איז געצילט, זענען פאָרט געבליבן שטיין ביים רודער. "מוטב יכנס החץ בי" ווי איידער אַז די מוסדות זאלן ח"ו צופאַלן.

פאָרט אָבער. א מענטש איז באַגרעניצט, און זיינע כוחות זענען זייער מינימאַלע. וויפיל איז דען דער שיעור? און וויפיל איז דען דער קראַפט וואָס א מענטש האָט צו קענען אויסהאַלטן דעם שווערן דרוק?.

נישט איינמאָל האָט אין די פריערדיגע חדשים אויסגעזען, אַז דאָס אויף וואָס דער רבי זי"ע דרוקט זיך אויס מיט אַזויפיל זאָרג און ווייטאָג "חס ושלום" וועט ל"ע זיין א געשעענער פאַקט! דער גאַנצער מיה און פלאָג אויף וואָס דער רבי זי"ע האָט יום כיפור תשט"ו נישט געוואָלט אַריינקומען צו כל נדרי איידער מ'גיט אים איבער די בשורה אַז אין בני ברק האָט זיך געעפענט א מיידל שולע, גייט ח"ו לריק!.

ולא עוד. די טייכן טרערן וואָס דער רבי זי"ע האָט פאַרגאָסן אין די הייליגסטע זמנים פון יאָר, ביי שלש סעודות ווי ביי די כל נדרי און הושענא רבה דרשות, לוחם צו זיין קעגן די קליפה הציונות, האָט חס ושלום אויסגעזען ווי "כל עמלי לריק". אויב האַלט מען ח"ו ביי אַזאַ מצב, אַז נישט א מוסד וואָס איז "נאָנט" צו די שיטה, און נישט א מוסד וואָס איז "נאָנט" צו סאַטמאַר קען זיך נישט אויסהאַלטן, נאָר טאַקע די סאַמע סאַטמאַרער מוסדות אַליינס קענען נישט דערטראָגן דעם גרויסן עול, וואָס'זשע איז דאָ צו ערוואַרטען פון אַנדערע מוסדות?!.

עס איז געווען בלויז צוויי וואָכן פאַר'ן יום טוב פסח, און עס איז געווען אין גם אחד וואָס זאל האָבן די מינדעסטע השגה פון וואו עס וועט זיין געלט אויף אויסצוצאָלן פאר די כלי קודש דאָס געהאַלט וואָס מען איז שוין שולדיג עטליכע חדשים ביז צום יום טוב פסח. אויף צו קענען זיין אויסגעצאָלט ביז פסח האָט זיך דאַן נאָך אויסגעפעלט נאָנט צו א "מיליאָן דאָלאַר" און עס איז נישט געווען וואָס צו טראַכטן פון וואו דאָס צו שאַפן!.

און דאָ איז אונטערגעקומען א ישועה ממש חוץ לדרך הטבע. עס איז ממש געווען "נפתחו ארובות השמים". בכוחו של אותו זקן מרן רביה"ק זי"ע וואָס די מוסדות הק' זענען געווען כבבת עיניו הקדושים, האָט מען אין די קורצע צייט באַוויזן צו שאַפן די סומע פון א מיליאָן דאָלאַר! ס'איז אומגלויבליך אָבער פאָרט א פאַקט, און ווער עס האָט דאָס מיטגעהאַלטן האָט געזען בחוש אַז לא אלמן ישראל! נצח ישראל לא ישקר! דער גרויסער זכות פון רבוה"ק באַגלייט אונז ווייטער עד היום הזה, און נאָר בזכותם ובסייעתא דשמיא מרובה האָט מען דאָס געקענט באַוויזן. אַנדערש וואָלט דאָס נישט מעגליך געווען.

פון איין זייט האָט דער אַלגעמיינער ציבור זיך אָנגעשטרענגט מיט גרעסערע סכומים, און ועל כולם איז דער געטרייער סאָלדאַט הרה"ח ר' מאיר הירש הי"ו צוגעשטאַנען ליד ימינו פונעם "שר צבא" מרן רבינו הגה"ק שליט"א, זיכער צו מאַכן צו שאַפן גרויסע סכומים, וואָס זייענדיג באַגלייט מיט דעם געוואַלדיגן סייעתא דשמיא וזכותם הגדול פון רבוה"ק זי"ע, האָט מען באַוויזן דאָס כמעט-אוממעגליכע, אַז ביז פאַראַנגענעם יום טוב פסח, איז אַלעס געווען אויסגעצאָלט!

יאָ ווירקליך, דער קוואַל פון וואָס מ'האָט ביז איצט געגאסן איז דערווייל נאָכנישט צוריק אָפּען, אָבער כאָטש אויף דערווייל איז אונטערגעקומען א פרישער קוואַל, צי עטליכע קוועלער, פון וועלכע עס האָבן געשטראָמט פאַנטאַסטישע סכומים, און ב"ה די מוסדות זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן.

אָצינד האַלט עס ביי דעם, אַז עס האָט ח"ו נישט אפגעטרוקנט. אָבער וועט עס ח"ו אין עתיד ווייטער נישט אפטרוקענען? ליידער האַלט מען נאָכנישט ביי קיין מצב, אַז מען זאל קענען פראַקלאַמירן א פולקאָמער זיג. דער אָרגינעלער קוואַל פון וואָס די מוסדות פלעגן ביז היינט געפונט זיך נאָך נישט צוריק אין אונזערע הענט.

אַז עס איז איצט ב"ה געלונגען צו טרעפן א פרישן קוואַל, דאַרף מען זען מיט אַלע כוחות זיכער צו מאַכן בעזהשי"ת אַז דער קוואַל קוועלט ווייטער! דער איינציגסטער גאראנטיע בעזהשי"ת פאר די געטרייע חברי הנהלה, זיך צו קענען האַלטן אין די שווערע אומשטענדן, איז "נאָר" אויב יעדער איינער מאַנ"ש וועט שפירן א חוב און אן אחריות אַריסצוהעלפן פאר די הייליגע מוסדות. זיכער צו מאַכן בעזהשי"ת אַז די היזיגע הנהלה האָט צו יעדע צייט די געלעגנהייט צו שיקן פון דאָהי די סכומים געלט קיין ארץ ישראל.

נאָר ווען יעדער וואָס איז ביכולת, וועט שפירן פאר א זכי' קעגנצוקומען די מוסדות מיט גרעסערע סכומים פון טויזנטער דאָלאַרן, כדי אַז די הנהלה פון דאָהי זאל קענען שיקן סיי די רעגעלמעסיגע סכומים וואָס מען דאַרף שיקן, און סיי צו קענען שיקן ספעציעלע סכומים וואָס מ'זאָל קענען מוסיף זיין צוליב דעם ווייל די הנהלה דאָרט ווערט ליידער באַ'גנב'עט מיט ערליך געלט וואָס קומט זיך פאר די מלמדים, נאָר דאַן וועט מען אי"ה קענען אָנהאַלטן דעם שפורדעלדיגן קוואַל פון די הייליגע מוסדות.

און אַז מיר וועלן אַלע זען אַז דער קוואַל זאל ווייטער שפרודלען, וועט השי"ת אונז אַלע מזכה זיין מיט א "מעיין הישועה" א קוואַל וואָס שפרודעלט מיט ישועות און רפואות בכל העניינים, בזכות אלקא דמאיר עננו! ■

# גאז פאר די אויטא...




נאָך א לענגערע צייט אַריינטראַכטן איז ר' דוד געקומען צום באַשלוס, אַז פאר די ווייטערדיגע הצלחה פון זיינע געשעפטן, איז אים נייטיג זיך צו לערנען דרייוון און זיך איינצוהאַנדלען אן "אויטאָ" מיט וואָס אַרומצופאָרן.

אומר ועושה. נאָכ'ן דורכשמועסן דעם ענין מיטן מנהיג רוחני פון וועמען ער איז אַלץ מקבל עצה והדרכה און נאָכן באַקומען זיין וואַרימע צושטימונג און ברכה, האָט ר' דוד זיך געטראָפן זיצן ביי די ספעצעלע "דרייוון-קלאַסן" ביי וועלכע ער באַקענט זיך מיט די וויכטיגע כללים פון פירן אן אויטאָ. עס האָט נאָך גענומען עטליכע חדשים ביז ר' דוד האָט שוין אַליינס געקענט פירן אן אויטאָ אפילו אויף די פאַרנומענע שטראָזן, און ער האָט שוין אפילו געהאַט א באַשטעטיגטן לייסענס אין די קעשענע.

אַצינד איז געקומען די קומענדיגע פאַזע. ר' דוד האָט אָנגעהויבן זיך צו פאַראינטערעסירן אויף א פּאַסיגע אויטאָ וואָס זאל זיין באַקוועם און לייכט פאר אים און פאר זיינע באַדערפעניש. נאָכן דורכשמועסן מיט עטליכע מומחים אויף דעם געביט, האָט ר' דוד ענדליך באַשלאָסן וועלכע מאָדעל קאַר צו קויפן, און דאָס האָט ער באַשטעלט ביים קאַר-דילער. נאָך עטליכע טעג איז דער קאַר שוין געשטאַנען פאַרענט פון זיין דירה, גרייט אַז ר' דוד זאל באַזעצן דעם פאָדערשטן זיץ און עס ארומפירן למחוז חפצו.

ר' דוד איז פאָרט נאָך געווען א נייער דרייווער, און אין די ערשטע טעג איז עס אים נאָך היבש שווער אָנגעקומען. אָבער וואָס א טאָג שפּעטער אַלס לייכטער איז עס אים אָנגעקומען, און דער רעדל איז אים אַלץ בעסער געליגן אין די האַנט...

אין א שיינעם פרימאָרגן, ס'איז בלויז א וואָך צייט נאָכדעם וואָס ער האָט באַקומען דעם קאַר, זעצט זיך ר' דוד אַריין דערין, ער לייגט אַריין דעם שליסל, ער געט א דריי אויף לינקס, אָבער... אין קול ואין עונה, דער אויטאָ רירט זיך נישט פון אָרט. עס צינדט זיך נישט אָן. וואָס גייט פאר? קוים געקויפט א נייע קאַר, און שוין איז עס צובראָכן? - וואונדערט זיך ר' דוד. וויפיל ער האָט נאָר פּראָבירט, און וואָס ער האָט נאָר געקענט קלערן אַז דאָס וועט מאַכן די קאַר אַרבעטן, האָט ער שוין געטון, אָבער עס האָט אַלס נישט געהאָלפן. וואָס גייט דאָ פאר?.

זעענדיג אַז עס גייט אים נישט רופט ר' דוד אַריבער איינעם פון זיינע גוטע פריינד, און פרעגט אים צו זיין אַנאַליז, וואָס דאָס קען זיין, פאַרוואָס האָט דער קאַר פלוצים אויפגעהערט צו אַרבעטן. דער חבר זיינער איז אַריין א קורצן שמועסל מיט אים, געהערט דעטאַלן פון די פּאַרלאָפענע וואָך, און ווי בדרך אגב אזא פרעג געטון "ווען האָסטו דאָס לעצטע מאָל אַריינגעלייגט גאַז?".

"אוי, פון דעם האָב איך פאַרגעסן" - אַנטשולדיגט ער זיך פאר זיין ידיד פאַר'ן אים אויפהאַלטן אומזיסט...

ער האָט געהאַט די בעסטע אויטאָ, מיט די טייערסטע איינריכטונגען, אָבער אויך א גוטע אויטאָ דאַרף פון צייט צו צייט אַז מ'זאָל עס אויפלעבן. מ'זאָל אַריינלייגן דערין אַביסל טרייב-קראַפט וואָס דאַן אַרבעט דער אויטאָ א מחי'...

מיט דעם משל זענען ספרי קודש מסביר דעם ענין פונעם ליל הסדר אום פסח ביינאַכט, וואָס צדיקים האָבן געזאָגט דערויף אַז דאָס איז א "סדר אויף א גאַנץ יאָר". פסח איז דער "שפּיץ" פון אַלע ימים טובים. עס איז דער זמן וואָס אידן זענען אַרויס פון מצרים, און דעמאָלט זענען זיי צוגעקומען צו די הכרה פון "ויאמינו בה'" זיי האָבן אָפען געזען דעם יד ה', און פאַרשטאַנען אַז דער עיקר איז "אמונה". יאָ, יעדן טאָג איז אויך דאָ א מצוה צו דערמאָנען יציאת מצרים, און עס ברענגט אַריין אמונה אין הארץ פון א איד, אָבער מ'זאָגט דאָס בעיקר אין איין פסוק אין קריאת שמע. פסח איז די צייט ווען מען קויפט זיך איין די אמונה אין גרויסע הויפענס, מ'איז קובע די אמונה אין הארץ כיתד בל תמוט, אַזוי אַז דערנאָך איז א גאַנץ יאָר גענוג דאָס ביסל טרייב-קראַפט וואָס מען לייגט טעגליך צו ביים דערמאָנען אין קורצן די נסים פון יציאת מצרים.

*

די הייליגע סגולה פון "רבי מאיר בעל הנס" איז גוט באַקאַנט אין אַלע דורות אַלס בדוק ומנוסה משפיע צו זיין פאר אידישע קינדער כל מילי דמיטב. ווען נאָר א איד איז אָנגעוויזן אין א ישועה, האָט מען אַלץ געוואוסט זיך צו ווענדן צו די רבי מאיר בעל הנס פושקע ביי וועלכע אידן האָבן אַלץ געזען אָפענע ישועות.

ועדים אנחנו זענען מיר אין מוסדות יטב לב כסדר'דיגע עדות ווי אידן דערציילן אומאויפהערליך מיט באַגייסטערונג פאַרשידענע וואונדערליכע ישועות מיט וואָס מ'איז געהאָלפן געוואָרן דורכן שטיצן די פושקע פון אונזערע הייליגע מוסדות "יטב לב". וואָס דאַרף מען מער פון דעם. אין די לעצטע אַנדערהאַלבן יאָר איז שוין אַכצן מאָל ערשינען דער היינט-גוט באַקאַנטער גליון "בקודש חזיתיך". אין יעדן גליון איז עקסטער ערשינען דער מדור "בדידי הוה עובדא" אין וועלכע עס ערשיינען בריוון מיט

## המשך...

# גאז פאר די אויטא...

מעשה'לעך וואָס אידן דערציילן, ווי אַזוי זיי זענען אַליינס געהאָלפן געוואָרן דורכן שטיצן מוסדות יטב לב. די וואָס אַרבעטן מיט און העלפן צו צום ערשיינונג פון דעם גליון ווייסן עס גוט, אַז יעדער סיפור וואָס ווערט געברענגט אין דעם מדור איז קראַנט און וואָר. ס'איז בלויז סיפורים וואָס אידן דערציילן אַליינס, און איז ווירקליך "בדידי הוה עובדא". און הערשט פאַרשטייט זיך אַז עס איז דאָ פיל פיל מער פון דעם. נישט יעדער וואָס האָט א ישועה, נעמט זיך די מיה עס אָפּצושרייבן, און בכלל קען מען נישט אַלעס אַריינלייגן. אין א גליון וואָס ווערט ברייט פאַרשפּרייט קען מען נישט שרייבן אַלעס, און עס ווערן בעיקר אַריינגעלייגט די מעשה'לעך וואָס איז יש בו משום חידוש, עס ברענגט אַרויס עפּעס אן התפּעלות ביים ליינער.

אַזוי אַז די סגולה פון "רבי מאיר בעל הנס" איז גוט באַקאַנט ביי יעדן, און ווירקליך איז וואַרשיינליך דאָס דער עיקר וואָס עס ברענגט יערליך דעם ברייטן ציבור אנ"ש זיך צו באַטייליגן ביים יטב לב דינער, זייענדיג א זמן ווען מען האַנדעלט זיך איין די סגולה בדוקה פון "צדקת רבי מאיר בעל הנס". ביים דינער איז א גאָר פּאַסיגע געלעגנהייט זיך איינצוקויפן די סגולה נפלאה, וואָס באַגלייט אַלע תומכים און שטיצער אויף א גאַנץ יאָר, אָבער ווי יעדע זאַך איז שטאַרק וויכטיג אַז די סגולה זאל פון צייט צו צייט באַקומען עפּעס א התחדשות, א שטיקל אויפפרישונג וואָס זאל עס האַלטן אויף ווייטער אויך...

פאַרשידענע אופנים זענען פאַרהאַן מיט וועלכע מ'קען א גאַנץ יאָר אָנהאַלטן דעם "קשר" מיט מוסדות יטב לב באַרה"ק און דעם פאַרבינדונג מיט "צדקת רבי מאיר בעל הנס" אָבער איינס דערפון איז נישט בלויז א קשר, ס'איז א "מנהג" מיט וואָס עלטערן און אור-עלטערן פירן זיך שוין אַזויפיל דורות, און מוסדות יטב לב געט פאַר'ן ברייטן ציבור די ספּעציעלע פּריוויליגיע און מעגליכקייט לייכטערהייט אָנצוהאַלטן דעם מנהג אבותינו בידינו.

אין אַלע דורות האָבן אידן געוואוסט אַז צו די "שבת ליכט" גייט מען נישט צו איידער מ'האָט אַריינגעוואָרפן א שיינע מטבע אין די "רבי מאיר בעל הנס פּושקע". דער מאָמענט פון צינדן די שבת-ליכט איז פון די געהויבענסטע מינוטן אין א אידישע שטוב. די מאַמע שטעלט זיך פאָרענט פון די אָנגעצינדענע פלעמלעך, זי איז מקיים איינס פון די מצוות וואָס ליגט דייקא א פליכט אויף איר, און דערביי בעט זי זיך אויס ביי השי"ת. זי האָט דאָך אַזויפיל וואָס צו בעטן, פאר זיך, פאַר'ן מאַן, פאר די קינדער, פאר קרובים און אויף וואָס נישט. און כדי אַז די תפלה זאל נתקבל ווערן לרחמים ולרצון, האָט מען איינגעפירט מקדים צו זיין צדקה לתפלה, און טאַקע פאר די הייליגסטע און מסוגל'דיגסטע צדקה וואָס איז דאָ ביי כלל ישראל "צדקת רבי מאיר בעל הנס" וואָס דאָס טראָגט אַרויף די תפלה און די טרערן פון די אידישע מאַמע ביז צום כסא הכבוד!

די סגולה איז טאַקע זייער הייליג, און דער מנהג זייער מקובל, אָבער... די צייט איז אָפּטמאָל פאָרט עפּעס נישט געאייגענט דערצו. טאַקע די זעלבע אידישע מאַמע וועלכע צינדט די שבת ליכט, איז אין די שעות פריער אַזוי פאַרנומען, אַזוי פארפארעט אַז צומאָל פאַרגעסט מען פון אפילו גאָר וויכטיגע ענינים, זאַכן וואָס מ'וואָלט יאָ געוואָלט טון, אָבער צוליב מאַנגל אין צייט, דערמאַנט מען זיך ערשט נאָך ליכט  צינדן אַז מ'האָט פאַרגעסן דערפון.

דאָס לייגן געלט אין די "רבי מאיר בעל הנס פּושקע" איז נישט געווען אַנדערש. ביי פילע משפּחות  וואו מען האָט אַלץ געוואוסט אַז צינדן-ליכט גייט סינאָנים מיט די רבי מאיר בעל הנס פּושקע, איז דער מנהג פּשוט ווי פאַרגעסן געוואָרן, נישט במזיד, נאָר פּשוט באונס, מ'האָט פאַרגעסן דערפון.

"מוסדות יטב לב" האָט זוכה געווען מחדש צו זיין זיו אורה פון דעם הייליגן מנהג, און פילע תושבי עירינו זענען אונז דאַנקבאַר אויף דעם וואָס מיר געבן זיי די געהויבענע מעגליכקייט אָנצוהאַלטן אָט דעם מנהג ישראל תורה. מוסדות יטב לב שיקט יעדן ערב שבת א דערמאַנונג איבער דעם מנהג, נישט אין פארעם פון קיין טעלפאָן רוף און זיכער נישט אין פארעם פון קיין טעקס-מעסעדזש...

מוסדות יטב לב האָט א שטאַב מיט פּרחי העסקנים, טייערע קינדערלעך וועלכע גייען יעדן ערב שבת מיטן רשות פון די עלטערן צו די הייזער פון אַלע זייערע שכנים, זיי קלאַפּן אן אויף די טירן, און ציינגן די "יטב לב זעקלעך" מיט וואָס מ'גייט נאָך געלט. אָט די טייערע קינדערלעך קומען נישט נעמען, זיי קומען געבן! זיי ברענגן אַריין אין שטוב הויפענס מיט ישועות! אַדאַנק זייערע פּעולות און דורכדעם וואָס מ'וואַרפט אַריין צדקה אין דעם זעקל וואָס זיי האַלטן אין די האַנט, קען מען האָפן אַז די תפלה וואָס די מאַמע וועט מיט א צייט אַרום מתפלל זיין מיט די הענט אויף די אויגן, וועט אָנקומען גאָר גאָר הויך. עס וועט אויפטון די ריכטיגע פּעולה!

**מוסדות יטב לב האָט א שטאַב מיט פּרחי העסקנים, טייערע קינדערלעך וועלכע גייען יעדן ערב שבת מיטן רשות פון די עלטערן צו די הייזער פון אַלע זייערע שכנים, זיי קלאַפּן אן אויף די טירן, און ציינגן די "יטב לב זעקלעך" מיט וואָס מ'גייט נאָך געלט. אָט די טייערע קינדערלעך קומען נישט נעמען, זיי קומען געבן! זיי ברענגן אַריין אין שטוב הויפענס מיט ישועות!**

איצט ביים דינער ווען מען קויפט זיך איין א גרויסע דאזע פון די הייליגע סגולה פון "צדקת רבי מאיר בעל הנס" איז א דבר בעתו זיך מקבל צו זיין, מחזק צו זיין די טייערע קינדערלעך, אינזינען האָבן אנצוזאגן אין שטוב, אַז ווען די קינדער קומען מיט די "יטב לב פּושקע" זאל מען זיי געבן א דאָלאַר אָדער מער, און זען זיכער צו מאַכן אַז די קינדער באַקומען דעם נויטיגן חיזוק און מוט אָנצוהאַלטן ווייטער מיט זייער עבודת הקודש, וייל... זיי העלפן אייך אַרויס. זיי געבן אייך כל מיני ישועות.

והי' ביום השישי והכינו. ■

המשך

# מוסדות יטב לב בארה"ק איז קריטיש וויכטיג אָנגעוויזן אויף וואַרימסטע שטיצע ביים יערליכער דינער

ב

אָנגעוויזן אויף דרויסענדע שטיצע, ובפרט לויט די איצטיגע אומשטענדן, האָט פאַרשטאַנען דעם צו השעה זיך אונטערצונעמען ספעציעלע שריט פאר די ארץ ישראל'דיגע מוסדות, און טראָך זיינע פאַרצווייגטע פעולות אין פאַרשידענע הינזיכטן, האָט ר' מאיר הי"ו גענומען אויף זיך א פרישן עול און פראָיעקט, און האָט מיט אַזויפיל איבערגעגעבנקייט און מיט אַזויפיל מסירות געאַרבעט מיט פלייס און ענערגי' לטובת די ארץ ישראל'דיגע מוסדות. דאָס אַליינס האָט געגעבן דעם בליק ווי שטאַרק שווער עס איז ליידער דער מצב פון די מוסדות, און וויפיל מ'דאַרף זיך אנשטרענגען מחזק צו שטיצן די ארץ ישראל'דיגע מוסדות, מיט וועלכע ר' מאיר הי"ו האָט ב"ה אַזוי שטאַרק מצליח געווען.

אַצינד ביים מעמד הדינער האָט ר' מאיר הי"ו ווייטער אָנגענומען די בקשה פון די חברי הנהלת המוסדות, אנצואווארימען דעם ציבור בנועם שפתיו לטובת די הייליגע מוסדות, ווען דערביי וועט ער איבערגעגעבן איינדרוקן פון זיינע באַזוכן אין די מוסדות, און גלייכצייטיג וועט ער בדברי חכם חן ארויסברענגען דעם פליכט וואָס עס ליגט אויף תלמידי וחסידי סאַטמאַר מחזק צו זיין די מוסדות הק' ביתר שאת ועוז.

**משא הקודש: מרן רבינו הגה"ק שליט"א**

דער הויכפונקט פונעם מעמד וועט זיין די דברות קודש וואָס מ'וועט האָבן די זכי' צו הערן פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א וועלכער וועט משמיע זיין דברות קודש ודברי ברכה לכבוד העם הנאספים.

ביים ציבור תלמידי וחסידי סאַטמאַר איז עס דבר ידוע דעם שטאַרקן וואַרימקייט מיט וואָס דער רבי שליט"א רעדט כסדר ביי די "יטב לב דינערס" רעדענדיג מיט אן אש קודש איבער דעם חוב קדוש וואָס עס ליגט אויף יעדן איינעם מחזק צו זיין די מוסדות הקדושים אין ארץ ישראל. טראָץ וואָס מ'הערט כסדר די דברות קודש פון רבי'ן שליט"א ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, איז באַקאַנט ביים ציבור, אַז ווען עס קומט צו "מוסדות יטב לב" רעדט דער רבי שליט"א אַלעמאָל מיט א ספעציעלן וואַרימקייט און ברען, און ווי עס איז דרכו תמיד ארויסצוברענגען "יטב לב דאַרף זיין דאָס אויבערשטע ביי אונזער ציבור".

דער מצב פון מוסדות יטב לב איז ספעציעל נוגע ללבבו הטהור פון רבי'ן שליט"א, ווי עס האָט זיך אָנגעזען אין די לעצטע חדשים, ווען עס איז נישט דורך קיין געלעגנהייט וואָס דער רבי שליט"א זאל זיך נישט פאַראינטערעסירן איבער דעם מצב פון די מוסדות, און גלייכצייטיג מעורר צו זיין דעם ציבור איבער דעם פליכט וואָס ליגט אויף יעדן איינעם אַרויסצוהעלפן פאר די מוסדות בגוף ובממון.

אַצינד וועט מען ווייטער האָבן די זכי' צו הערן די דברות קודש פון רבי'ן שליט"א, משולב מיט דברי הכנה לחג השבועות, און גלייכצייטיג וועט דער רבי שליט"א משמיע זיין דברי ברכה פאר די נדיבים בעם, בזכות פון שטיצן די הייליגע מוסדות "יטב לב" וואָס איז אַזוי שטאַרק פאַרהייליגט אַלס סגולה בדוקה פאר ייעדע זאַך.

אלקא דמאיר עננו. ■

---

המשך

# רבי עקיבא אייגערס פאָרשריפטן צום דינער

ד

אָפּגעשוואַכט עד כדי כך, אַז קוים קוים וואָס מ'האָט געקענט פועל'ן ביי אים אַז ער זאל קומען צו פאָרן צום דינער פון די אייגענע סאַטמאַרער מוסדות אין ברוקלין, אָבער ווען עס איז געווען די רעדע פונעם דינער פאר מוסדות יטב לב, איז ביים רבי'ן נישט געווען קיין ספק. ווי די משב"ק דערציילן, אַז דער האָט געזאָגט "דאָס איז מיין דינער" און א גאַנצן טאָג האָט דער רבי זיך שוין פאַראינטערעסירט ווען מען פאָרט שוין צום "יטב לב דינער".

נישט אומזיסט האָט דער ירושלים'ער רב הגה"ק רבי משה ארי' פריינד זצוק"ל בעל עטרת יהושע זיך אויסגעדרוקט פאר א איד אַז ביי א "יטב לב דינער" קען מען פועל'ן ישועות". ער האָט דאַן געזאָגט, אַז ביי א יטב לב דינער געפונט זיך זיכער אויפן אָרט מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, און ער האָט גע'עצה'ט יענעם איד, אַז בשעת'ן דינער זאל ער אַראָפּלייגן א קוויטל מיט זיין בקשה, און ער וועט זיכער געהאָלפן ווערן! עד כדי כך איז געווען ידוע דעם רבי'נס קשר צו מוסדות יטב לב, אַז עס איז ביים ירושלים'ער רב געווען ברור, אַז לאחר הסתלקותו געפונט זיך דער רבי זי"ע ביי יעדן יטב לב דינער!

דאָס זעלבע האָבן מיר געזען ביי מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע וויפיל ער האָט געמאָנט און געפאָדערט פונעם ציבור אַז מען זאל זיך אנשטרענגען צו שטיצן "מוסדות יטב לב". אין די ערשטע יאָרן וואָס דער רבי בעל ברך משה זי"ע האָט מכהן פאר געווען אַלס אבד"ק סאַטמאַר, האָט דער רבי זי"ע זיך אַמאָל שטאַרק מתמרמר געווען אויף דעם וואָס מאַנכע שאַצן נישט גענוג אָפּ דאָס וויכטיגקייט פון מוסדות יטב לב. דער רבי האָט דאַן עפנטליך אַרויסגעברענגט זיין וואונדער ווי עס קען זיין אַז פאר די ניו יאָרקער מוסדות איז דאָ א גרעסערער קרייז נותנים ווי פאר די ארץ ישראל'דיגע מוסדות.

**ובל"ק: "איך האָב געפרעגט, ווי אזו קאָן דאָס פאַרהאַנען זיין, אויב למשל ס'איז דאָ צוויי טויזענט נותנים ביים דינער פאר די היזיגע מוסדות דאָ, און ביי די מוסדות פון ארץ ישראל איז נישט דאָ אַזויפיל? דאָס טאָר נישט זיין! ... יעדער איינער פון אונז דאַרף וויסן, אַז ס'איז דאָ די מוסדות וואָס דער פעטער ז"ל האָט מייסד געווען אין ארץ ישראל, און דאָס דאַרף זיין א חוב פאר יעדן איינעם אַז ער מוז געבן געלט. יעדער איז מחיוב צושטייער צו געבן. דאָס האָט דער פעטער ז"ל מייסד געווען, און דאָס איז געווען דער יסוד פאר אונזערע מוסדות"... דברים קילורין לעינים ווס רעדן מער ווי א מיליאָן ווערטער!**

ובימינו אלו האָבן מיר ווייטער די זכי' צו זען די געוואַלדיגע מסירות נאמנה פון יבלחט"א מרן רבינו הגה"ק שליט"א ווי שטאַרק די מוסדות זענען נוגע ללבבו הטהור, און ווי שטאַרק רבינו שליט"א מאָנט און פאָדערט כסדר אַז דאָס ערשטע דאַרף מען אינזינען האָבן "יטב לב" וכל"ק: "מוסדות יטב לב דאַרף זיין די אויבערשטע צדקה פון אנ"ש".

"דאָס" זענען רבי עקיבא אייגער'ס פאָרשריפטן צום יטב לב דינער, און אייגענטליך די פאָרשריפטן פון אַלע צדיקים מדורות הקודמין, מקדים צו זיין די צדקה פאר "מעות ארץ ישראל" פאר סיי וועלכע צדקה עס איז נאָר פאַרהאַנען, און טאַקע קומען צום דינער מיט פאַראייניגטע כוחות.

און אין זכות פון שטיצן די הייליגע צדקה אויף וואָס אונזערע רבי'ס האָבן זיך מוסר נפש געווען, וועלן די אַלע צדיקים זיכער מגין זיין אויף אונז, ובצירוף זכותו הגדול פון התנא האלקי רבי מאיר בעל הנס, וועלן מיר אַלע געהאָלפן ווערן בברכה מרובה מן השמים, צו קענען אַהיימנעמען פון דינער כל מיני השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות. ■

ב"ה

# סדר המעמד

## יושב ראש
הרה"ח ר' **מאיר פערל** הי"ו
מנכ"ל מוסדותינו הק'

## עין רואה ואוזן שומעת
**א פינאנציעלער באריכט**
איבער דעם שווערן מצב פון די הייליגע מוסדות וועט געהערט ווערן

## עיניך בריכות בחשבון
**דער מעמד איז געצילט**
ממשיך צו זיין די שטארקע הצלחה נאכדעם וואס מען האט מען ב"ה באוויזן גענצליך אויסצוצאלן פאר די כלי קודש

## מאיר"ת עינים
**א פערזענליכע עדות'שאפט**
איבער די הצלחה פון די מוסדות, וועט איבערגעבן
הרבני הנגיד המפואר איש חי ורב פעלים
מוה"ר **מאיר הירש** הי"ו
מראשי הקהלה והמוסדות בקרית יואל יצ"ו
וועלכער האט פארגאנגענעם ווינטער פערזענליך באזוכט אין די מוסדות, און צוזעענדיג דעם שווערן מצב הגשמי האט ער ברוח ועוז זיך געשטעלט לימין קדשו פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א, ארבעטענדיג איבערמידליך אז מ'זאל קענען אויסצאלן פאר די כלי קודש

## עינינו תליות לכם
**כדי צו קענען אנהאלטן ווייטער**
זענען מיר קריטיש וויכטיג אנגעוויזן אויף די הצלחה פונעם דינער ברענגט מיט לכה"פ

**$360**

יום חינוך הטהור
למען קיום מוסדותינו הק'
"יטב לב דרבינו יואל"
שהם יסוד החינוך הטהור
בארץ הקודש

מוסדות
**יטב לב בארה"ק**

ג' נשא • כ"ז אייר
באולם ראוז קעסיל

# הזמנה נחוצה

מיר האבן דעם כבוד אייך איינצולאדענען צום מעמד

# חינוך הטהור

## דינער השנתי
## לטובת מוסדותינו הק'
ירושלים-בני ברק

וואס וועט אי"ה פארקומען
## אין זאל פון ראוז קעסטל
*380 Flushing Ave.*

## דינסטאג פרשת נשא
כ"ז אייר (May 31)
בשעה 8:30 אין אווענט

## כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א
וועט ערשיינען און אויפטרעטן מיט דברות קודש

**הנהלת המוסדות**

אין די איצטיגע שווערע זמנים מוטשענען מיר זיך גאר שטארק צו קענען שיקן די רעגלמעסיגע תמיכה, מיר האפן אז אונזערע גוטע פריינד וועלן אונז קעגנקומען מיט גאר ווארימע שטיצע